גוט שבת אלע אידן. ר' שמחה מאנד ע"ה איז געוועזן א בעלזער חסיד פונדערהיים. ער איז געוועזן א ריזיגער תלמיד חכם וואס מען זאגט אויף אים אז ער האט געקענט ש"ס בעל פה! ער האט אויך געשריבן עטליכע ספרים.

די צווייטע וועלט מלחמה איז געקומען און יעדער איינער ווייסט לוידער וואס איז געשען צו כלל ישראל אין אייראפע. פארשטייט זיך אז די מלחמה האט געטווישט ר' שמחה'ס לעבן אויף אייביג. ר' שמחה האט ב"ה דורכגעלעבט די מלחמה מיט עטליכע גרויסע קינדער. זיינע זין זענען געפארן קיין ניו יארק וואו זיי האבן ב"ה אויפגעשטעלט שיינע אידישע משפחות. זיין רבי ר' אהרן פון בעלז זצוק"ל האט ב"ה אויך דורכגעלעבט דעם קריג דורך נסים. נאך דער מלחמה, איז דער בעלזער רב זצוק"ל געפארן קיין ארץ ישראל.

ר' שמחה האט געפלאנט צו פארן קיין אמעריקא צו זיין צוזאמען מיט זיינע גרויסע קינדער. אבער, ער האט געוואלט באזוכן זיין רבי'ן אין ארץ ישראל בעפאר דעם. ווען ר' ישראל איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל איז ער גלייך אריבערגעפארן צום רבי'ן'ס הויף. ווען ר' שמחה האט נאכאמאל געזעזן זיין רבי'ן נאך די אלע יארן וואס זיי זענען צוטיילט געווען אין די שרעקליכע מלחמה יארן, האט ער שוין נישט געהאט קיין חשק צו פארלאזן זיין רבי'ן נאכאמאל. און ער האט זיך אפגעמאכט אז ער וויל בלייבן אין ארץ ישראל, אפילו רוב פון זיינע קינדער זענען געפארן קיין אמעריקא.

ב"ה אז רוב פון זיינע קינדער זענען געבליבן ערליך. אבער, לוידער האט ער געהאט איין טאכטער וואס איז נעבאך ארויסגעקומען פון די לאגערן מיט ספיקות, וכו'. בקיצור, איז יענע טאכטער געפארן קיין בראזיל. דערנאך האט זי חתונה געהאט. ר' שמחה האט פרובירט אלע יארן צו האלטן א קשר מיט איר, אבער עס איז געווען זייער שווער.

אין די תש"ל יארן, זענען ר' שמחה'ס טאכטער'ס טאכטער מיט איר מאן געקומען וואוינען אין ארץ ישראל. א שטיק צייט שפעטער האבן זיי געהאט א יונגעל און זיי האבן אים געגעבן דעם נאמען "אורי." ר' שמחה איז געווען דעמאלט איין און ניינציג יאר אלט ווען זיין אוראייניקל "אורי" איז געבוירן. ר' שמחה האט זייער שטארק געהאפט און מתפלל געווען אז יענער אייניקל וועט תשובה טון.

יעדע צווייטע וואך איז ר' שמחה געפארן צו באזוכן זיין אוראייניקל. עס האט גענומען אלע זיינע כוחות צו קענען גיין צו פיס צום באס סטאפ וואס איז געווען דעמאלט דריי מייל אוועק פון זיין הויז, צו נעמען דעם באס צו פארן צו דעם אייניקעל'ס הויז. יעדעס מאל האט ר' שמחה געברענגט אביסל טשוקולאט מיט אנדערע גוטע זאכן פאר דעם



אוראייניקל. ר' שמחה האט יעדעס מאל צוגערעדט זיין אייניקל, דאס הייסט די מאמע פון דעם יונגעל אורי. ר' שמחה האט שטארק געבעטן אז מען זאל לייגן אורי אין א פרימע מוסד. אבער, די עלטערן האבן לוידער נישט מסכים געווען דערצו. אורי געדענקט נאך ווי איין טאג האט זיין מאמע געזאגט צו דעם זיידען אז ער זאל נישט מער צוריקקומען, ווייל ער האט געליגט צו סאך פרעשער אויף זיי וכו'.

ר' שמחה איז צובראכען געווארן ווייל עס האט אויסגעזען אז ער האט פארפאסט דעם לעצטן געלעגענהייט צוריקצוקערן יענע חלק פון זיין משפחה צום גוטען דרך. לוידער איז אורי טאקע אויפגעוואקסן א פרייער איד.

אבער, נישט קיין תפילה איז פארפאלן... יארן שפעטער, לאנג נאכדעם וואס ר' שמחה איז שוין נישט געווען אויף די וועלט, האט אורי חתונה געהאט מיט איינער וואס איז געקומען פון א משפחה וואס האט שטארק "מחשיב" געווען אידישקייט, אפילו זיי אליינס זענען נישט געווען ערליך ממש. בקיצור, איין טאג איז אורי געגאנגען צו אן "ערכים" סעמינאר. באלד דערנאך איז ער ב"ה געווארן א בעל תשובה. אבער, זיין פרוי האט נישט געוואלט אזוי שנעל מיטקומען מיט אים אויף די דרך צום רבונו של עולם.

איין טאג, האט אורי'ס פרוי באקומען א טעלעפאן קאל וועגן א פאסטען אין א פרומע געגענט אין ארץ ישראל. די נייע דזשאב וועט פארלאנגען פון איר אז זי זאל גיין אנגעטון אזוי ווי א בת מלך דארף זיך גיין אנגעטון. נו, "מתוך שלא לשמה בא לשמה!" אורי'ס פרוי האט מסכים געווען צו ארבעטען דארט מיט אלע תנאים וואס זיי האבן פארלאנגט פון איר. און באלד דערנאך, זענען זיי טאקע געגאנגען וואוינען אין דעם יישוב "מגדל אור", וואס איז א פרומע געגענט נעבן "מגדל העמק." ב"ה אז עס האט נישט גענומען לאנג ביז זיי זענען ביידע געווארן בעלי תשובה בשלימות.

"יעצט," האט אורי געזאגט צו זיין בני בית, "איז דער זיידע שמחה זייער פריילעך אין גן עדן. ער האט געטון אלעס וואס ער האט געקענט טון אויף די וועלט פאר אונס, און דער אייבערשטער האט אויפגעטון!"

עס שטייט אין פסוק די וואך "בואו חשבון" זאגט די גמרא אויף דעם "בואו ונחשב חשבונו של עולם, הפסד מצוה כנגד שכרה, ושכר עבירה כנגד הפסדה." (ב"ב עח:) דאס מיינט אז א איד מוז כסדר מאכן א חשבון אין לעבן. דורך דעם וועט ער לייגן דעם דגש אויף דעם ריכטיגען זאך אין לעבן, ד"ה טון מצוות און מעשים טובים. אסאך מענטשן שטארבען מיט געלט אין זייערע אקוינטס, אבער מען הערט קיינמאל נישט וועגן א מענטש וואס שטארבט מיט צו סאך תורה געלערנט אדער מצוות געטון. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר' דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח"י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845) - **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**

**"ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (זוהר הקדוש שמות פר' תרומה קלא:)**